בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

בהעלותך
ט"ז סיון תשפ"ד

די ציַיטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:13 |
| מוצש"ק | 8:31 |
| ר"ת | 9:06 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:11 | סוז"ת א' | 9:41 |
| סוזק"ש ב' | 9:05 | סוז"ת ב' | 10:17 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': פח
שנה ב'


## טיב הפרשה

# די געשריי פון א איד

## למה נגרע

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די מצוה פון פסח שני. די תוה"ק זאגט אונז אז די מענטשן וואס זענען געווען אום חודש ניסן טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם קענען משלים זיין די קרבן פסח א חודש שפעטער.

אין די תוה"ק ווערט אויסגערעכנט עטליכע טעמים פארוואס די אידן האבן נישט געקענט מקריב זיין דער קרבן פסח.

אין די גמרא סוכה [דף כה ע"ב] שטייט אויסגערעכנט אז דער טעם פארוואס אידן האבן נישט געקענט מאכן א קרבן פסח איז געווען ווייל די אידן זענען געווען פארנומען מיט א מת מצוה.

פון די גמרא זעט מען אז די אידן וואס האבן נישט מקריב געווען די קרבן פסח דעם ערשטן פסח האבן געהאט א שטארקע סיבה דערצו. אויבנאויף זעט עס אויס ווי די סיבה איז געווען גענוג גוט און שטארק אז זיי וואלטן געקענט זאגן אז דאס האט זיי גע'פטר'ט פון די מצוה, אבער כלל ישראל האט זיך נישט אזוי געפירט, זייער גלוסטעניש צו די מצוה איז געווען אזוי גרויס אז זיי האבן אויסגעשריגן די וויי געשריי פון 'למה נגרע'.

עס קען זיין אז וועגן דעם דערציילט אונז די תוה"ק די וועג ווי אזוי כלל ישראל איז אנגעקומען צו די מצוה, אז דער 'פסח שני' איז א תוצאה פון א שטארקער וויי געשריי פון 'למה נגרע', ווייל די תוה"ק וויל אז א איד זאל וויסן אז די מצות פאר א איד קומען מיט א גלוסטעניש.

פאר יעדער איד איז דא צוויי וועגן ווי אזוי ער קען מקיים זיין א מצוה. עס איז דא אידן וואס זענען מקיים מצות אין א וועג אז ער דארף יוצא זיין די מצוה, ער שטייט אויף אינדערפרי און ער


<<< | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

# מַחֲשָׁבָה כְּמַעֲשֶׂה

הרה"ק רבי מרדכי לעכוויטש זי"ע האט זיך שטארק באמיט כדי אריינצוברענגען אידישע קינדער בבריתו של אברהם אבינו עליו השלום. זייענדיג א מוהל, האט זיך דער הייליגער צדיק געפירט אז אויב האט זיך אים געמאכט צו מל'ען א אידיש קינד האט ער עס נישט אוועקגעלאזט פון זיין האנט, און אפילו אויב ער האט געדארפט גיין א ווייטע וועג און ווידמען דערצו מערסטנס פונעם טאג האט ער זיך נישט צוריקגעהאלטן דערפון, ערקלערנדיג אז עס לוינט זיך דאס גאנצע מי, וויבאלד דער וואס ווערט גע'מל'עט דורך אים וועט נישט צוקומען צו קיין חטא.

ויהי היום, איז געבוירן געווארן צו איינער פון זיינע חסידים, א בן זכר. דער טאטע פונעם קינד איז געקומען צו גיין א ווייטע וועג, כדי צו לאדענען דעם רבי'ן אז ער זאל קומען דינען אלס מוהל צום ניי-געבוירן קינד. דער רבי האט אנגענומען דעם לאדענונג, און גלייך אינדערפרי פונעם באשטימטן טאג האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג, צום וואוינארט פונעם קינד. פאר אים איז געווען א לאנגע וועג צו רייזן, וואס האט זיך געצויגן עטליכע שעה, און אנקומענדיג צו זיין ציל איז שוין געווען מיטאג-צייט.

דער שווער פון דער חסיד איז געווען א מתנגד, און ווען ער איז געוואויר געווארן אז דער רבי איז געלאדנט געווארן צו זיין דער מוהל, האט ער גלייך אינדערפרי, נאכן דאווענען מיטן נץ החמה, געלאזט רופן אן אנדער מוהל וועלכער זאל גלייך אינדערפרי מל'ען דעם קינד, אן דאס וויסן פונעם אבי הבן, און ווען ער איז געוואויר געווארן דערפון איז שוין געווען לאחר מעשה.

ווען דער הייליגער צדיק איז אנגעקומען, און האט געהערט וואס עס איז דא געשען, איז ער געווארן אנגעפילט מיט א געוואלדיגע שמחה, און כאטש וואס געווענליך פלעגט ער נישט עסן ביי די סעודה פונעם ברית, האט ער יעצט געטוישט פון זיין געוואוינהייט און האט זיך געוואשן צו די סעודה. דערביי האט ער ערקלערט, אז ער האט יעצט זוכה געווען צו עפעס וואס ער האט ביז יעצט נישט זוכה געווען, ווייל אויב וואלט ער מקיים געווען די מצוה בפועל, וואלט מעגליך געקענט זיין אין דעם עפעס א פעלער, וויבאלד א מענטש איז דאך א בשר ודם קרוץ מחומר, אבער וויבאלד דא איז דאך נאר געווען די מחשבה טובה וואס דער אויבערשטער איז עס מצרף למעשה, איז נישט מעגליך אז עס זאל זיין אין דעם א פגם, וויבאלד עס איז דאך אזוי ווי דער אויבערשטער האט עס אליין געטון, און ביי די מעשים פונעם אויבערשטן איז נישט שייך קיין פעלער.

ענדליך צו דעם ענין, געפינען מיר אין די פרשה פון די וואך. מיר לערנען ווי דער אויבערשטער האט באפוילן אז מען זאל אנצינדן די מנורה, און די תורה הקדושה האט עס געשטעלט נאנט נעבן די פשה פון די נשיאים, און עס זענען באוואוסט די ווערטער פונעם מדרש, אז די כוונה דערביי איז געווען כדי צו בארואיגן אהרן הכהן אויפן צער וואס ער האט געהאט דערפאר וואס ער איז נישט געווען צוזאמען מיט די נשיאים ביים באנייען דעם משכן. ערקלערט דער רמב"ן, אז דערמיט האט מען מרמז געווען פאר אהרן הכהן אויפן באנייאונג פונעם בית המקדש דורך זיינע אייניקלעך די הייליגע חשמונאים, און אז עס האט נאך א מעלה מער ווי די חנוכת הנשיאים, וויבאלד דורך איר וועט נתקן ווערן די מצוה פון נר חנוכה, וועלכע איז אן אייביגע מצוה.

זעען מיר פון דא, אז אין זכות פון דער צער פון אהרן הכהן אויפן ענין פון חנוכה – באנייאונג האבן זיינע קינדער זוכה געווען צו חנוכה – און כאטש וואס למעשה האט ער דעמאלטס גארנישט געטון, פונדעסטוועגן, איז גערעכנט געווארן זיין עצם רצון דאס צו טון צוזאמען מיט די נשיאים אזוי ווי א מעשה ממש, ביז ער האט זוכה געווען אנטקעגן דעם, מדה כנגד מדה, צו די ליכטיגע מצוה פון חנוכה.

(עפ"י טיב התורה - בהעלותך)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

מוז דאווענען, ער מוז זאגן קריאת שמע.

אבער נישט אזוי דארף זיין דער בליק פון א איד. דער געפיל פון 'יוצא זיין' איז נישט דער צוגאנג פון א איד. ביי א איד, ביי ווען די מצוה איז טייער, אזא איד זוכט נישט יוצא צו זיין א מצוה, ער וויל יוצא זיין די מצוה, ער גלייבט אז דאס איז זיין טובה, אז דאס איז א גוטער זאך, אז עס לוינט אים און ער האט א תשוקה צו איר און אפילו אז ער קען נישט מקיים די מצוה – אפילו אז די סיבה פארוואס ער קען נישט מקיים זיין די מצוה נעמט זיך פון דעם אז ער איז אן עוסק במצוה און אן עוסק במצוה איז פטור מהמצוה – אבער זיין הארץ ברענט אזוי שטארק צו די מצוה, אז ער וויל איר נישט פארפעלן און ער שרייט אויס מיט ווייטאג 'למה נגרע'.

די תוה"ק לערנט אונז דא אויס א לימוד ווי אזוי א איד זאל אנקוקן א מצוה, די צוגאנג וואס ער דארף האבן צו איר. דורכאויס דאס לעבן פון א איד קומען אונטער מערערע פעלער ווען די קיום המצוה פאר א איד קומט אים אן שווער, אז הלכה'דיג וואלט ער זיך געקענט פטר'ן פון דאוונענען מיט מנין אדער פון אנדערע מצוה'ס, אבער ביי א איד וואס עס ברענט אין אים דער אהבת ה', ער וויל מקיים זיין יעדע מצוה, אזא איד שרייט 'למה נגרע', ווייל ער וויל יא מקיים זיין די מצוה.

אזא איד וועט זיך שטעלן אין א זייט און בעטן הקב"ה בלב שלם אז ער זאל אים געבן די כוחות צו קענען מקיים זיין די מצוה און הקב"ה ווערט אים העלפן אז ענדע ווערט ער קענען מקיים זיין די מצוה.

די כח פון תפילה איז זייער גרויס, בפרט ווען מען איז מתפלל אז מען זאל קענען מקיים זיין די מצוות פון הקב"ה.

איך האב אינזינען געהאט אז בדרך רמז קען מען אויך זאגן די סמיכות פון די פרשה צו די פרשה פריער. אין די פרשה פריער שטייט די מצוה פון פסח. דארטן צייכנט צו רש"י אז אין די מדבר האט כלל ישראל נאר איינמאל מקיים געווען די מצוה פון קרבן פסח.

גלייך נאך דעם שטייט די מצוה פון פסח שני. עס קען זיין אז די סמיכות איז מרמז אויף די דערמאנטע נקודה פון 'תפלה' אויף א מצוה.

עטליכע טעמים איז דא פארוואס כלל ישראל האט נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון 'קרבן פסח' אין מדבר אבער די סמיכות קומט אונז אויסלערנען אז ווען כלל ישראל וואלט געהאט אזא בענקעניש צו די מצוה, אזוי ווי זי האט געהאט ביי די קרבן פון פסח שני, וואלט כלל ישראל געקענט פועל'ן אז זי זאל יא קענען מקיים די מצוה, ווייל ווען א איד האט א ברענענדיגע תשוקה העלפט מען אים פון הימל ער זאל זיך קענען מתגבר זיין אויף זיינע שוועריגקייטן.

די גדאנק פון תשוקה איז דא ביי יעדע מצוה. אז עס ברענט ביי א איד די מצוה, ער וויל עס מיט'ן גאנצן הארץ, ווערט ער ענדע אנקומען צו דעם.

עס האט מיר דערציילט א איד פון די שטאט בני ברק אז ער טוט אין די נושא פון אויסשפרייטן ספרי קודש אין די ארומיגע שטעט. איינמאל האט זיך אים געמאכט א גוט געשעפט און ער האט געלייזט דערביי א ריזיגע סומע געלט וועלכע וואלט ווען געקלעקט ער זאל קענען אויסלעבן א יאר צייט בהרחבה גדולה.

יענער טאג איז דער איד ארומגעגאנגען אין די שטאט בני ברק. דערגרייכנדיג צו די ישיבה פון חכמי לובלין האט ער ארויסגעהערט פון איר א קלינגענדיגער קול תורה. די קול תורה האט אים באנומען. ער האט אנגעהויבן טראכטן צו זיך ווי אזוי זיינע יארן גייען אריבער מיט האנדלעריי. עס האט אים אזוי באנומען אז ער האט זיך ממש צעוויינט פון צער ארויסשריינדיג דער 'למה נגרע'.

האלטנדיג נאך א שיינער פארדינסט האט ער באשלאסן אז יעצט האט ער דאך גענוג געלט אויסצולעבן א גאנץ יאר. נאך יענער טאג האט ער צוגעמאכט זיין געשעפט פאר א יאר צייט און זיך געזעצט לערנען תורה.

דער איד וואלט געקענט חשבונ'ען אז דער פאקט אז ער האט יעצט געלט מיינט נישט אז אינעם קומענדיגן יאר גייט ער אויך האבן און עס איז אשאד צו צומאכן די געשעפט אין אזא סיטואציע, אבער לעבנדיג מיט דער 'למה נגרע' האט מען אים מן השמים געהאלפן אז ער האט יא געקענט אויספירן זיין ציל און כאטשיג איין יאר פון זיין לעבן זוכה זיין 'בכתרה של תורה'.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל באמת שפירן די נאנטקייט און די טעם פון א מצוה אז עס זאל זיך אויסשרייען דער 'למה נגרע' און מען זאל זוכה זיין צו קענען מקיים זיין אלע מצוה'ס בפועל.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# אן אונטערגעשיקטע טעות

פאר עטליכע חדשים אין איין ציה האב איך נישט געהאט קיין געהעריגע פרנסה. די געפיל פון זיך ארומדרייען אָן ארבעט איז זייער נישט געשמאק. איך האב אסאך מתפלל געווען צום בורא כל העולמים אז ער זאל מיר העלפן.

אין א טאג, נאכ'ן טראכטן וואס איך קען טון דערצו, האב איך באשלאסן אז איך גיי מאכן השתדלות. האבנדיג א נאנטער חבר וואס געבט זיך אפ מיט בחורים און שטעלט זיי צו חברותא'ס איז מיר איינגעפאלן אז איך גיי אים געבן א קלינג אן און אים פרעגן צי ער ווייסט אפשר פון עטליכע בחורים וואס זוכן א חברותא.

איך האב אים אנגעקלינגען און ער ענטפערט דעם טעלעפאן. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז כ'האב אים געוואלט קלינגען אבער למעשה האב איך אנגעקלינגען א צווייטער ידיד מיינער.

איך בין געווען פארלוירן. פון איין זייט האב איך דא געמאכט א טעות אבער מצד שני איז מיר געווען זייער אומאנגענעם אים צו זאגן די אמת אז איך האב געגרייזט. ענדע האב איך באשלאסן אז איך גיי אים דערציילן דער צוועק פון מיין אנרוף.

איך האב אים דערציילט אלעס, אז איך זוך ארבעט, אז איך דארף א פרנסה קוואל.

מיט אן אינטערעסע האט ער אויסגעהערט מיין געשיכטע און מיר פארשפראכן אז ער וועט זען וואס ער קען טון פאר מיר.

עס איז אריבער געציילטע שעה און ער רופט מיר צוריק אן. ער דערציילט מיר אז ער האט פאר מיר א וואונדערליכע ארבעט'ס פארשלאג. עס איז געווען א גוטע הצעה, די געהאלט איז געווען לייטיש, עס איז ממש געווען געגאסן פאר מיר און פאר מיינע נאטורן.

איך האב געדאנקט הקב"ה פאר די חסד און איינגעזען אז אסאך מאל דוכט זיך פאר א מענטש אז ער מאכט א טעות, אבער הקב"ה פירט עס מיט אים צום גוטענס.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: נ.ה.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם – אֵלּוּ הַשַּׁבָּתוֹת

"וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם וּבְמוֹעֲדֵיכֶם כו' וּתְקַעְתֶּם בַּחֲצֹצְרֹת כו', וְהָיוּ לָכֶם לְזִכָּרוֹן לִפְנֵי אֱלֹקֵיכֶם" ה, כב

חז"ל דרש'נען אין **ספרי** (פרשה דידן פיסקא יט): "וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם, אֵלּוּ שַׁבָּתוֹת". דאס הייסט, ווייל אין פסוק שטייט נישט ארויסגעשריבן פון וועלכער 'יום שמחתכם' מען רעדט, און מען קען נישט זאגן אז עס רעדט זיך פון די ימים טובים, וואס דעמאלטס איז דא א חיוב שמחה, וויבאלד דער פסוק האט שוין דערמאנט 'וּבְמוֹעֲדֵיכֶם', און דעריבער ווערט עס גע'דרש'נט אויף די שבתות.

פון אט די ווערטער פונעם ספרי האבן די אחרונים אויפגעוויזן, אז די מצוה פון שמחה גייט אן אום שבת פונקט אזוי ווי אום יום טוב, וויבאלד דער פסוק האט עס צוגעגליכן צו די שמחה פון "וּבְמוֹעֲדֵיכֶם".

נאר די אחרונים האבן זיך געוואונדערט, ווייל די מצוה פון שמחה ווערט נאר דערמאנט ביי די **שלש רגלים**, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים טז, יד) "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ". דאס קענען מיר זען בפשטות פונעם אופן וויאזוי מען איז מקיים די מצוה פון שמחה אום יום טוב, און דאס איז דורכן מקריב זיין 'שַׁלְמֵי שִׂמְחָה', און דאס ברענגט מען נאר אום שלש רגלים און נישט אום שבת. אנדערש איז שבת קודש, וואס דעמאלטס דארפן מיר רוען, מאכן קידוש און אויך טון כבוד און עונג שבת, אזוי ווי דער **רמב"ם** ערקלערט אין הלכות שבת (פ"כ ה"א).

אבער פון די אנדערע זייט, ווערט ערקלערט אז די מצוה פון שמחה גייט יא אן אום שבת, אזוי ווי מיר געפינען אין די ווערטער פונעם **בית יוסף** (או"ח סימן רפא) בשם **ה"ר אביגדור כהן צדק ז"ל**, וואס ער געבט צו פארשטיין דער נוסח וואס מיר זאגן אום שבת ביים דאווענען "ישמחו במלכותך שומרי שבת", אז דאס איז געבויט אויפן אויבנדערמאנטן דרשה פון דער **ספרי**.

אזוי אויך האט מען דאס אויפגעוויזן פון פארשידענע לשונות פון **שמחה** וועלכע ווערן דערמאנט אין די תפילות און אין די זמירות פון שבת, ווי צום ביישפיל: "וְיִשְׂמְחוּ בְךָ יִשְׂרָאֵל, בְּיוֹם הַשַּׁבָּת שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ, לָנוּחַ בּוֹ וְלִשְׂמוֹחַ, מְנוּחָה וְשִׂמְחָה, בָּא שַׁבָּת בָּא מְנוּחָה, גִּיל וְשָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה, עַל כֵּן יִתֵּן הָאָדָם לְנַפְשׁוֹ עֹנֶג וְגַם שִׂמְחָה, כִּי יוֹם שְׂמָחוֹת הוּא", און נאך ענדליכע נוסחאות.

אבער על פי תורת הסוד, שטימט אלעס זייער געשמאק. ווייל עס ווערט ערקלערט אין **זוהר הקדוש** (ח"ב קלה: וואס מיר זאגן נאך קבלת שבת פאר מעריב, ביי די תפילה פון **כְּגַוְנָא**): "כַּד עַיֵּל שַׁבְּתָא אִיהִי אִתְיַחֲדַת וְאִתְפַּרְשַׁת מִסִּטְרָא אַחֲרָא, וְכָל דִּינִין מִתְעַבְּרִין מִנַּהּ, וְאִיהִי אִשְׁתְּאֲרַת בְּיִחוּדָא דִנְהִירוּ קַדִּישָׁא כו', וְכָל שׁוּלְטָנֵי רוּגְזִין וּמָארֵי דְדִינָא כֻּלְּהוּ עַרְקִין כו'. וְאַנְפָּהָא נְהִירִין בִּנְהִירוּ עִלָּאָה, וְאִתְעַטְּרַת לְתַתָּא בְּעַמָּא קַדִּישָׁא, וְכֻלְּהוֹן מִתְעַטְּרִין בְּנִשְׁמָתִין חַדְתִּין, כְּדֵין שֵׁירוּתָא דִצְלוֹתָא לְבָרְכָא לָהּ בְּחֶדְוָה".

פון דעם זעען מיר קלאר, אז דורך די וואונדערליכע און ספעציעלע געהויבענע אורות וואס לייכטן און שיינען אינעם הייליגן טאג פון שבת, ווערט רואיג אויבן און עס ווערט רואיג אונטן – איז דאך זיכער אז עס ווערט א גרויסע שמחה בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ.

דעריבער פארשטייען מיר שוין גוט, אז כאטש עס איז נישטא קיין חיוב שמחה אום שבת דורכן ברענגען א קרבן שמחה און דאס גלייכן, וויבאלד דער עיקר פון שבת איז פאר רו און עונג, און מיר זענען נישט באפוילן געווארן צו טון פעולות וואס ברענגען שמחה – פונדעסטוועגן דרש'נען די ספרי אמת, אז דער טאג פון שבת איז א טאג פון גרויס שמחה פאר אידישע קינדער, און דאס טוט צושטאנד קומען דורך די אלע מצוות פון מנוחה, כבוד און עונג. יעצט פארשטייען מיר שוין גוט פארוואס אלע אידן פרייען זיך אינעם טאג פון שבת, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די גרויסע כלליות'דיגע שמחה וואס וועט זיין אינעם יום שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת וּמְנוּחָה לְחַיֵּי הָעוֹלָמִים, אָמֵן.

->•<-

הרה"ק דער הייליגער **צאנזער רב בעל דברי חיים זצוק"ל**, איז אמאל געזעצן אין א מיטוואך צוזאמען מיט זיינע חסידים, צוליב א געוויסן מעמד, און ארויסגייענדיג האט ער זיך געוואנדן צו זיינע חסידים וואונטשנדיג זיי: "**א גוטען שבת**"!

אזוי ווי עס באוואוסט פון צדיקים, אז פון מיטוואך, ווען מיר זאגן דעם **קליינעם 'לְכוּ נְרַנְּנָה'** [ביים סוף פונעם טעגליכן שיר של יום "קל נקמות ה' וכו'" (תהלים צד), האט מען צוגעלייגט עטליכע פסוקים, דער פסוק צווישן זיי, פונעם קומענדיגן קאפיטל, כדי צו ענדיגן מיט א גוטע זאך], קען מען שוין פילן און מרגיש זיין די קדושה פונעם **גרויסן 'לְכוּ נְרַנְּנָה'**! אזוי ווי מיר נעמען אן די הלכה (גיטין עז.) אז זונטיג מאנטיג און דינסטיג גייען נאכן פריערדיגן שבת, און מיטוואך דאנערשטיג און פרייטיג גייען צום קומענדיגן שבת.

די ברכה פונעם צדיק האט געמאכט א געוואלדיגן רושם אויף די חסידים, און גלייך איז געווארן א מורא'דיגע התלהבות צווישן זיי, זיך צו גרייטן מיט תשובה צום הייליגן שבת המלכה, און זיי האבן זיך גלייך גענומען גיין אין ריכטיג פון זייערע הייזער, צו צוגרייטן דעם האנטוך און די מלבושים פון שבת קודש, כדי זיך גרייטן צום טובל'ן לכבוד שבת!

**(מתוך שיחה (בשידור) בארא פארק יצ"ו, כללית מס' 458)**

->•<-

הגה"צ **רבי ישראל סאלאנטער זצוק"ל**, דער גרינדער פונעם **תנועת המוסר**, פלעגט דורך זיין גרויס צידקות און יראת שמים, אלעמאל מפשפש זיין במעשיו, ווי דער שטייגער פון די גרויסע צדיקים.

וויבאלד ער האט אזויפיל עוסק געווען אין תשובה און חרטה, האט ער מורא געהאט אויף זיך, צי ער גייט חלילה נישט אריין אין כלל פון (תהלים נ, טז) "וְלָרָשָׁע אָמַר אֱלֹקִים מַה לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי וגו', וְאַתָּה שָׂנֵאתָ מוּסָר, וַתַּשְׁלֵךְ דְּבָרַי אַחֲרֶיךָ וגו'".

אויף אזוי ווייט איז געגאנגען די מדריגה פון זיין תשובה, אז ער פלעגט זאגן צו זיינע מקורבים, אז אויב וועט ער חלילה קראנק ווערן אום שבת קודש, זאל מען חושש זיין אויף אים אז מען זאל נישט טארן מחלל שבת זיין אויף אים, אזוי ווי די הלכה איז ביי א מומר אז מען איז נישט מחלל שבת פאר זיינעטוועגן, זע **פרי מגדים** (או"ח סי' ש"ל א"א סק"ד) און די נושאי כלים.

בסופו של דבר, איז אזוי טאקע געשען, אז רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה, וויבאלד דער צדיק איז קראנק געווארן אום זונטיג, און איז נסתלק געווארן אום מיטוואך, און מען האט נישט גע'דארפט צוקומען צו קיין שום חילול שבת פאר זיינעטוועגן.

**און לְפִי דַּרְכֵּנוּ קענען מיר זיך דערפון אויסלערנען – אויסער די געוואלדיגע מדריגות פון תשובה פון די צדיקים – לערנען מיר זיך אויך ארויס אויף ווי ווייט איז געגאנגען זייער געוואלדיגע מידת הענוה און שפלות רוח!**

דאס איז וואס דער פסוק זאגט אין די פרשה פון די וואך (במדבר יב, ג) "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד, מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה"! – אז ער האט זיך געהאלטן נידעריגער אפילו פון די פושעי ישראל...

**(קובץ "פרטיות", שיחה 23)**

->•<-

איך געדענק נאך פון מיינע יונגע יארן, אינעם אלטן **קארלינער שול** אינעם **בית ישראל** געגנט אין ירושלים עיר הקודש, אז אום שבת קודש אינדערפרי פארן דאווענען, איז מען געזעצן שורות-ווייז, זקני החסידים, יונגעלייט און בחורים, און מען האט עוסק געווען בתורה בטהרה.

און דער חידוש איז געווען, אז מערסטנס פון זיי האבן נישט עוסק געווען אין מוסר ספרים אדער חסיד'ישע ספרים, אדער מיטן זאגן תהלים, אזוי ווי דער מנהג איז אין אסאך קהילות, נאר פשוט מיטן לערנען גמרא **תוספות** בעמל ויגיעה.

אזוי אויך, ביי די הפסקה פאר די תקיעות, און ביי די אנדערע הפסקות, וואס אין אסאך פלעצער פירט מען זיך אז מען זאגט דעמאלטס תהלים און זוהר און דאס גלייכן, האבן מערסטנס פונעם ציבור דעמאלטס עוסק געווען מיטן לערנען גמרא!

ווי עס שטייט אינעם הייליגן ספר **בית אהרן** (ליקוטים דף 287), אז דער אלטער רבי אהרן קארלינער זצוק"ל [וועמענס יארצייט עס געפאלט דעם מוצאי שב"ק י"ז סיון הבעל"ט], האט געזאגט: צו לערנען א **בלאט גמרא** איידער עס ווערט ליכטיג

המשך אין עמוד ד'

**אינדערפרי, איז א בחינה פון גן עדן התחתון, און אום שבת איידער עס ווערט ליכטיג אינדערפרי, איז עס בבחינת גן עדן העליון. – איך זאלט לערנען א דף גמרא בעיון בשבת קודם התפלה, וואלט דער 'נשמת' איין אנדער פנים געהאט!**

(**מתוך שיחה לחבורת בחורי פינסק-קרלין ירושלים ת"ו**)

->•<-

מיין זון **הר"ר אהרן שליט"א** האט דערציילט, אז זייענדיג א יונגער יונגערמאן, ווען עס איז אים געבוירן געווארן זיין גרויסער זון שיחי', איז ער אין א פרייטיג צונאכטס, נאך תפילת קבלת שבת ביים גרויסן שול אין **זכרון משה** דא אין ירושלים עיר הקודש, אריינגעגאנגען צום הויז פונעם רב, מרן **הגה"צ הראב"ד רבי ישראל יעקב פישער זצוק"ל**, כדי צו מקבל זיין פון אים די פרטי ההלכות וואס זענען נוגע ביי א יולדת אום שבת קודש.

ווי נאר דער רב האט געענדיגט ערקלערן די הלכות מיט א געוואלדיגע קלארקייט, האט ער געעפנט זיין לעדל, און פון דארט האט ער ארויסגעצויגן א **קליין צעטל**, אויף וועלכן עס איז געשטאנען דער טעלעפאן נומער פונעם **שבת גוי** פון דער 'עזר מציון' ארגאניזאציע, וועלכער איז גרייט צו פירן צום שפיטאל ווען עס פעלט אויס.

שפעטער האט מיין זון אויסגעטראפן, אז דער רב פלעגט שטענדיג האלטן אזעלכע צעטלעך ביי זיך אין לעדל, וואו עס איז געשטאנען פארשידענע איינצלהייטן און טעלעפאן נומערן, גרייט צו טיילן פאר אלע סארטן אזעלכע פעלער...

**דאס לערנט אונז די מידה פון 'אהבת חסד', ווי דער חשוב'ער רב האט אלץ פראבירט ארויסצוהעלפן א איד, און צוריקהאלטן מוטשעניש און זוכעניש פון די וואס זענען געקומען אנפרעגן ביי אים, און כדי צו פארגרינגערן אויף זיי, האט ער צוגעגרייט 'צעטלעך' מיט אלע וויכטיגע איינצלהייטן...**

(**"טיב הזכרונות" – מרן הרב פישר זצוק"ל**)

->•<-

הגה"צ **רבי שמואל** (בהר"ר מרדכי זאב) **הומינר** זצוק"ל בעל מחבר ספר "**עבד המלך**" (וועמענס יארצייט עס געפאלט קומענדיגן דינסטיג י"ט סיון הבעל"ט), האט מקפיד געווען מקיים צו זיין די מצוה פון '**תוספת שבת**', גלייך פונעם ערשטן רגע וואס מען קען צולייגן לויט די הלכה, וואס דאס איז גלייך נאך **פלג המנחה**.

דעמאלטס האט די רעבעצן אנגעצינדן די שבת ליכט, און ער האט זיך אוועקגעזעצט, אנגעטון מיט די שיינע שבת'דיגע מלבושים, צו זאגן דעם מגילת '**שיר השירים**' בנעימות ובדבקות.

איינמאל, ארויסגייענדיג אין גאס אויפן וועג צום בית המדרש, נאכן ענדיגן זאגן דעם שיר השירים, האט ער געזען ערליכע אידן וועלכע זענען געפארן מיט אן אויטא געציילטע מינוטן פארן זמן פון הדלקת הנרות, און איז זייער דערציטערט געווארן – וויאזוי קען מען זיך פארלאזן אויף די לעצטע מינוט פאר שבת?

זיין באוואוסטער ספר '**עבד המלך**' איז אויסגעשטעלט לויטן סדר פון די פרשיות התורה, און אויף אלע ספרי התנ"ך, ערקלערנדיג אין קורצן די הלכות וואס קומען ארויס פון יעדע פרשה הלכה למעשה, אין וואס מען דארף אכטונג געבן.

איינער פון די יקירי קרתא דשופריא, האט אמאל אין זיין יוגנט געהערט פון הגאון **רבי יחזקאל סרנא זצוק"ל, ראש ישיבת חברון**, אז דער 'משנה ברורה' פונעם פרשת השבוע איז דער ספר 'עבד המלך', און פון דעמאלטס האט ער משתדל געווען צו לערנען אין דעם ספר מדי שבת בשבתו, כדי צו וויסן קלאר די הלכה למעשה וואס מען לערנט ארויס פון די פרשה, און וויאזוי זיך צו פירן ביי יעדער זאך על פי דת של תורה.

(**פרטית – י"א אייר תשע"א**)

->•<-

עס האט מיר דערציילט **הגאון רבי שלום אייזן זצ"ל** רב און מו"ץ דא אין ירושלים עיה"ק, אז ער האט אמאל געהערט פונעם ירושלימ'ער רב **הרב בענגיס זצוק"ל**, אז ווען ער האט געלערנט אלס בחור אין די **וואלאזשינער ישיבה**, האט ער זיך באקענט מיטן 'מְשַׁמֵּשׁ' וועלכער האט זוכה געווען צו באדינען **הגה"צ רבי חיים וואלאזשינער זצוק"ל**, און האט מקבל געווען פון אים אסאך ענינים איבער די הנהגות פונעם גרויסן צדיק. – צווישן אנדערע, האט דער משמש מעיד געווען, אז ער פלעגט באגלייטן הגאון רבי חיים זצוק"ל בצפרא דשבתא **זיך צו טובל'ן אין א מקוה טהרה.**

(קובץ "פרטיות", שיחה מספר 78)




# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | **התורמים להפצת העלון** | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרה"ח רבי משה רייך זצ"ל בן הר"ר שמואל רפאל זצ"ל נלב"ע י"ז אייר תנ.צ.ב.ה

לע"נ רבי שבתי זצ"ל בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצ"ל נלב"ע ח' שבט תשל"ו תנ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת איש החסד הרב פנחס גרשון ב"ר אברהם זצ"ל לכנברג נלב"ע ט' אייר תשע"ז תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הרב יחיאל מאיר ז"ל בן הרב אברהם עקשטיין ז"ל נלב"ע י"ב טבת תשס"ח תנ.צ.ב.ה.

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

**יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל** (אפשר גם ישירות לדפוס) **בקובץ להדפסה.**

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173